**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/21/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 213'טע קלאס גראדואירונג פון די סטעיט פאליציי בעיסיק סקול**

***232 נייע טרופערס שליסן זיך אן אין די ראנגען פון די ניו יארק סטעיט פאליציי***

***גאווערנער באעהרט אויסערגעווענטליכע יאר פאר ניו יארק סטעיט פאליציי, ארויסהעלפנדיג מיט אפרופונג צו קאטאסטראפעס און לייזנדיג א צאל פון פראמינענטע פעלער***

גאווערנער קעטי האקול האט זיך היינט אנגעשלאסן מיט צייטווייליגער סופּעראינטענדענט דאמיניק ל. קיומענטאָו ביים באעהרן 232 נייע סטעיט טרופערס אזוי ווי זיי גראדואירן פון די 213'טע קלאס פון די בעיסיק סקול פון די ניו יארק סטעיט פאליציי אקאדעמיע. די צערעמאניע איז געהאלטן געווארן ביים עמפייער סטעיט פלאזא קאנווענשען צענטער אין אלבאני. די היינטיגע גראדואירונג פארגרעסערט די סטעיט פאליציי ראנגען צו 4,781 איינגעשוואוירענע מיטגלידער.

"איך לויב אויס די 232 מענער און פרויען פארן זיך אוועקגעבן צו באדינען די פובליקום און פאר זייער איבערגעגעבנקייט צו באשיצן די מענטשן פון ניו יארק סטעיט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די מיטגלידער פון די ניו יארק סטעיט פאליציי שטעלן איין זייערע לעבנס יעדן איינציגסטן טאג צו האלטן די רעשט פון אונז זיכער — אין א וועלט וואו זייער מיסיע איז געווארן נאך שווערער און מער קאמפליצירט. אין נאמען פון אלע ניו יארקער וויל איך באדאנקען די גראדואירטע פאר זייער שווערע ארבעט און עקשנות, און איך באגרוס זיי אלע צו די לאנגע 'גרויע שורה'."

**ניו יארק סטעיט פאליציי צייטווייליגע סופּעראינטענדענט, דאמיניק ל. קיומענטאָו, האט געזאגט,** "דער היינטיגער טאג באצייכנט נאך א באדייטנדע מאמענט אין די שטאלצע היסטאריע פון די ניו יארק סטעיט פאליציי. די גראדואירונג צערעמאניע איז איינס פון אונזערע שענסטע טראדיציעס, און עס נעמט אריין א נייעם דור פון גוט טרענירטע טרופּערס וועלכע וועלן באדינען די בירגער פון ניו יארק סטעיט מיט עהרע און ארנטליכקייט. זיי האבן דורכגעמאכט חודשים פון אינטענסיווע טרענירונג סיי אינעווייניג און סיי אינדרויסן פון די קלאסצימער, און זיי האבן זיך פארדינט זייער פלאץ אין אונזערע ראנגען. איך בין שטאלץ צו ענטפאנגען די גראדואירטע צו די מערסט אנגזעהענע און רעספעקטירטע געזעץ אינפארסירונג אגענטור אינעם לאנד."

זינט די לעצטע סטעיט פאליציי גראדואירונג אין יוני, איז די סטעיט פאליציי געווען פארמישט אין לעבנ'ס-ראטעווענדע מאנומענטאלע פעלער אריבער ניו יארק סטעיט. די סטעיט פאליציי איז געווען פארמישט אין דאס כאפן דעם גילגאָו ביטש מערדערער, צוריק ברענגענדיג א געפיל פון זיכערהייט פאר א קאמיוניטי אין לאנג איילענד. אין צוגאב, איז די סטעיט פאליציי פארמישט געווען אין דאס ראטעווען די לעבנס פון מער פון 50 הייַ סקול קינדער פון פארמינגדעיל אין א באס עקסידענט אין אראנדזש קאונטי. לעצטנס האט די סטעיט פאליציי געשפילט א וויכטיגע ראלע ביים צוריקברענגען א קליינע מיידל אהיים נאכן פארכאפט ווערן פון א סטעיט פארק.

אין צוגאב צום באעהרן אלע גראדואירטע פון די 213'טע קלאס פון די בעיסיק סקול, האט צייטווייליגער סופּעראינטענדענט קיומענטאָו פארגעשטעלט די פאלגנדע אויסצייכענונגען:

**<u>אקאדעמישע עררייכונג אויסצייכענונג</u>**

אלץ ספּעציעלע שטופּ פאר אלע סטודענטן וועלכע נעמען אנטייל אין די סטעיט פּאליציי אקאדעמיע'ס בעיסיק סקול, באלוינט די סופּעראינטענדענט א רעוואלווער פאר דער וואס באקומעט די העכסטע שטאפּל פון אקאדעמישע עררייכונגען דורכאויס אקאדעמיע טרענירונג. דער געוואונער פון די 'אקאדעמישע עררייכונג אויסצייכענונג' איז טרופּער מארק דזש. נאוועלאָו, א 24-יעריגער איינוואוינער פון עסטאריע, ניו יארק. ער איז א גראדואירטער פון אדעלפי אוניווערסיטעט מיט א בעטשעלאר'ס דעגרי אין קרימינאלע יוסטיץ. בעפארן זיך אנשליסן אין די ניו יארק סטעיט פּאליציי אלס טרופּער איז ער געווען א פּאליציי אפיציר מיט די ניו יארק סיטי פּאליציי דעפּארטמענט פאר 2 יאר. דורכאויס דעם אקאדעמישן טרענירונג פּראגראם האט ער באקומען אן אויסגעצייכנטע אלגעמיינע אקאדעמישע דורכשניטליכע צייכן פון 97.23 פּראצענט. ער וועט געשיקט ווערן צו די טרופּ K איינהייט.

**<u>וואפן געשליפנקייט אויסצייכענונג</u>**

די ניו יארק סטעיט טרופּער פאונדעישען (New York State Trooper Foundation) גיבט דעם באלוינונג פון א רעוואלווער פאר דער וואס דערגרייכט די העכסטע שטאפּל פון פעהיגקייט אין אלע שטאפּלען פון וואפן טרענירונג.
דער געוואונער פון דעם 'סופּעראינטענדענט'ס געווער געניטשאפט אויסצייכענונג' איז טרופּער דעיוויד א. היטה, 25 יאר אלט, פון סענטראל סקוועיר, ניו יארק. בעפארן זיך אנשליסן אין די ניו יארק סטעיט פּאליציי איז ער געווען א דעפּיוטי מיט די אסוויגאָו קאונטי שעריף'ס אפיס פאר 4 יאר. דורכאויס די געווער טרענירונג האט ער געשאסן א דורכשניט פון 250 ארויס פון א מעגליכע 250. ער וועט געשיקט ווערן צו די טרופּ D איינהייט.

**<u>פארשער דזשאָוסעף ט. אווערסא פיזישע מעגליכקייטן אויסצייכענונג</u>**

די ניו יארק סטעיט פּאליציי פארשער אסאָוסיעישען ( New York State Police Investigators Association) האט געספּאנסארט א וואפן צו געשאנקען ווערן פאר ווער עס עררייכט די העכסטע שטאפּל פון פיזישע פעהיגקייט דורכאויס דעם פיזישן טרענירונג פּראגראם אין די אקאדעמיע. די אויסצייכענונג וועט פארגעשטעלט ווערן אין אנדענק פון דעם פארשטארבענעם פארשער דזשאָוסעף אווערסא. פארשער אווערסא האט זיך מקריב געווען אין ניו יארק סיטי אום מערץ 5, 1990, דורכאויס א דראגס פארשונג בשעת'ן דינען אלץ מיטגליד פון די געמיינזאמע דראג אינפארסירונג איינהייט ( Joint Drug Enforcement Task Force). פארשער אווערסא איז געווען א סטעיט פּאליציי וועטעראן פאר זעקס יאר וואס האט געגלויבט אז פיזישע אויסאיבונג איז א וויכטיגער טייל פון זיין א טרופּער.

דער געוואונער פון די אויסצייכענונג איז טרופּער פּאול ר. טריפּי וואס וואוינט אין טשיקטאוואַגאַ, ניו יארק.ער איז א גראדואירטער פון ווילינג אוניווערסיטעט מיט א בעטשעלאר'ס דעגרי אין איבונג וויסנשאפט. דורכאויס די פיזישע פעהיגקייט טעסטינג האט ער באקומען די העכסטע צייכן פון אלע 232 מיטגלידער פון די 213'טע קלאס, אן עדות צו זיין אויסערגעווענטליכע פיזישע אויסאיבונג. ער וועט געשיקט ווערן צו די טרופּ A איינהייט.

**<u>סטודענט פארשטייער</u>**

די ניו יארק סטעיט טרופּער 'פּאליציי גוטהארציגע פארבאנד' ( Police Benevolent Association, PBA) האט באלוינט מיט א רעוואלווער דעם מיטגליד פון די קלאס וואס איז אויסדערוועהלט געווארן דורך זיינע/אירע קאלעגן זיי צו פארטרעטן דורכאויס די איבונגען. די PBA פּרעזענטירט די אויסצייכענונג

אין אנדענק פון טרופער דזשאן דזש. מעקענא דער פערטער, וועלכער איז געהרג'עט געווארן אין דינסט אין 2006 בשעת'ן דינען זיין לאנד אלס מארין אין איראק.

דער געוואונער פון די אויסצייכענונג איז טרופּער קעווין דזש. נייטס, 32 יאר אלט, וואס וואוינט אין סקענעקטעדי, ניו יארק. ער איז א גראדואירטער פון פארדהעם אוניווערסיטעט מיט א בעטשעלאר'ס דעגרי אין מיטל מזרח שטודיעס. בעפארן זיך אנשליסן מיט די ניו יארק סטעיט פאליציי האט ער געארבעט ביי די ראטערדאם פאליציי דעפּארטמענט פאר 4 יאר און געדינט אין די פאראייניגטע שטאטן מיליטער פאר 12 יאר. ער וועט געשיקט ווערן צו די טרופּ G איינהייט.

די גראדואירונג צערעמאניע איז אפגעהאלטן געווארן ביי די עמפּייער סטעיט פלאזא קאנווענטשען צענטער אין אלבאני. די נאציאנאלע הימנע איז געזינגען געווארן דורך טרופּער קעמעראן ד. פרייער. די צערעמאניע האט אריינגערעכנט א ווידעאו פרעזענטאציע פון די טרענירונג וואס אלע מיטגלידער פון די 213'טע בעיסיק סקול קלאס זענען אריבער.

די נייע טרופּערס וועלן זיך שטעלן צום פליכט אויפן פעלד אום דעצעמבער 27, 2023. פאר די פאלגנדע 10 וואכן וועלן די נייע טרופּערס אפגעשאצט ווערן אונטער א פעלד טרענירונג פראגראם אונטער די אויפזיכט פון הויכראנגיגע פעלד טרענירונג אפיצירן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן